בס״ד

# עונג שבת

## פרשת ויקהל תשס״ה

גוט שבת אלע אידן. אין די וואכעדיגע פרשה ליינט מען ווי משה רבינו ע״ה האט פארזאמעלט די בני ישראל כדי איבערצוגעבן דעם באפעל וועגן דעם משכן. משה רבינו ע״ה האט געוואלט אז יעדער איינער זאל האבן א חלק אין די ריזיגע מצוה פונעם משכן. אין אמת׳ן אריין ווייסט מען אז דער אייבערשטער האט שוין אין די פריעדיגע פרשיות באפוילן די בני ישראל וועגן דעם משכן. אויב אזוי, פארוואס חזרט איבער די הייליגע תורה די מצוה נאכאמאל אין די פרשה? נאר צו ווייזן דעם חשיבות פונעם משכן. ביז די בית המקדש וועט צוריקאויפגעבויט ווערן בקרוב בימינו, זענען היינט אונזערע בתי מדרשות און בתי כנסיות א מקדש מעט, א קליינער דוגמה פונעם משכן. דער פאלגענדער מעשה ווייזט אונז וויפיל מיר דארפן מחשיב און מכבד זיין דעם מקדש מעט.

ר׳ זלמן עסטאלין, שליט״א, האט נעבאך געליטן אסאך יארן אין דעם פארפרוירענע גיהינום אין סיביר, רוסלאנד. די רשעים ימ״ש האבן אים געצוואונגען ארבעטן ביטער שווערע ארבעט אין די קעלט. אין די יארן וואס ער איז געווען אין סיביר, האט ער נישט געהאט שום קאנטאקט מיט אידן און אידישקייט. ער האט געדאווענט און געלערנט וויפיל עס איז געווען שייך אין דעם שווערן מצב. אבער, ער האט נאכאלץ נישט געקענט מקיים זיין די מצוה וואס זיין הארץ האט אזוי שטארק געגליסט צו טון, ד״ה, דאווענען מיט מנין אין א שול. אן א מנין האט ער נישט געקענט ענטפערן ״אמן, יהא שמיה רבה.״ מער ווי דעם, דורך די לאנגע יארן אין סיביר, האט ער אפילו נישט געהאט דעם געלעגענהייט צו ענטפערן ״אמן״ צו א צווייטער איד׳ס ברכה!

ווען סוף כל סוף רב עסטאלין איז באפרייט געווארן פון רוסלאנד, איז ער געפארן קיין ארץ ישראל. עס איז געווען שפעט ביי נאכט ווען ער איז אנגעקומען צו ארץ הקדושה. ער האט געציטערט פון התרגשות צו קענען זיין אין דעם הייליגן לאנד צווישן זיינע אידישע ברידער. ער איז גלייך געפארן צו זיין אכסניה ביי זיין שוואגער ר׳ יעקב גאלינסקי, שליט״א אין בני ברק. ער איז געווען שטארק בשמחה צו זיין נאכאמאל מיט זיין משפחה. ווי אויך זענען זיי געווארן מורא׳דיג פריילעך צו זען אז ר׳ עסטאלין האט איבערגעלעבט די רוסישע לאגערן. און פארשטייט זיך האט זיין משפחה געטון אלעס וואס איז נאר געווען שייך צו עס מאכן באקוועם פאר אים.

אינדערפרי, האט רב גאלינסקי געוויזן זיין שוואגער רב עסטאלין דעם וועג צום שטיבל לעבן זיין דירה. רב עסטאלין האט געדארפט גיין מיט קראטשעס, צוליב דעם וואס ער איז אזוי שטארק אפגעשוואכט געווארן דורך דעם פייניגען אין די לאגערן, ה׳ ירחם. פונדעסטוועגן אבער, האט רב עסטאלין׳ס פנים געשיינט מיט א שטארקע ליכטיגקייט בשעת ער איז געגאנגען לאנגזאם אויפן גאס אויפן וועג צום מנין. ער האט כאילו געציילט די פיסטריט אויפן וועג צו קענען מקיים זיין די מצוה וואס ער האט פאר אזוי לאנג געגליסט צו טון. נאך די אלע יארן וועט ער באלד קענען דאווענען מיט א מנין אין א שול! רב גאלינסקי האט געוויזן דעם וועג פאר אים. זיכער אז זיין שוואגער האט געקענט דעם וועג אליינס, איז רב גאלינסקי אהיימגעגאנגען.

שפעטער אינדערפרי האבן די גאלינסקיס געווארט אויף רב עסטאלין אהיימצוקומען צו עסן פרישטיק. זיי האבן זיך פארגעשטעלט אז רב עסטאלין וועט נישט האבן קיין פראבלעם טרעפן אליינס דעם וועג אהיים. א שעה נאכדעם וואס רב עסטאלין האט געדארפט אהיימקומען, איז ער נאך נישט אנגעקומען! זיי האבן אנגעהויבן צו זארגן.

א שטיק צייט שפעטער, איז געגאנגען רב גאלינסקי אויפן וועג צום שטיבל צו זוכן זיין שוואגער. רב גאלינסקי האט אים נישט געזען אויפן וועג. ווען ער איז אנגעקומען צום שול, האט ער געזוכט רב עסטאלין אין אלע שטיבער. סוף כל סוף האט ער אים געטראפן. רב עסטאלין האט אויסגעקוקט מורא׳דיג מיד, ער איז געשטאנען מיט זיין קראטשעס, און זיין פנים האט געשיינט פון קדושה.

״וואס איז געשען?״ האט רב גאלינסקי געפרעגט זיין שוואגער, ״פארוואס ביסטו נאכאלץ דא אין שול? דו האסט לכאורה געענדיגט שחרית שוין לאנג צוריק, קום אהיים און עס פרישטיק, עס איז נישט יום כיפור היינט, (דו מוזט נישט פאסטען!)״

״איך ווייס, איך ווייס...״ האט רב עסטאלין געזאגט, ״אבער, איך קען נישט אוועקגיין. איך האב געענדיגט דאווענען לאנג צוריק, אבער דעמאלט האט אנגעהויבן א פרישע מנין, און נאכדעם אן אנדערע. יעדער מנין האט מיך געגעבן דעם געלעגענהייט צו ענטפערן ׳אמן׳ און ׳יהא שמיה רבה׳ און ׳קדושה,׳ נאכאמאל און נאכאמאל. דו ווייסט וויפיל יארן איך האב געווארט אויף דעם? יעצט אז השם האט מיך עס מזמין געווען, קען איך פשוט נישט פארטראגן די מחשבה פון אהיימגיין און עסן פרישטיק!״

מען קען אפלערנען אסאך ענינים פון דעם מעשה. די עיקר מוסר איז אפשר אז מען דארף שטארק מעריך זיין דעם געלעגענהייט צו קענען קומען טאג טעגליך צום בית המדרש צו דאווענען מיט מנין און לערנען די הייליגע תורה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

וויבאלד אז יעדער איינער וויל אויפפירען ווי עס דארף צו זיין אין דעם מקדש מעט וואס איז דער אייבערשטען׳ס הויז, איז כדאי צו מעורר זיין דעם עולם וועגן אפאר וויכטיגע נקודות. קודם כל מוז מען דערמאנען דעם וויכטיגקייט פון בלייבן שטיל בשעת׳ן דאווענען און ליינען. ווי קען מען ענטפערן ׳אמן׳ און ׳יהא שמיה רבה׳ אויב מען רעדט אדער הערט צו א צווייטן? זאגט דער הייליגער ריש לקיש ״כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן!״ איינער וואס ענטפערט אמן מיט אלע זיינע כוחות, עפענט מען אויף פאר אים די טירן פון גן עדן!״ (שבת קיט:) ווער וויל נישט זיין א בן עולם הבא? דער אריז״ל האט בכלל נישט גערעדט אויסער דאווענען און לערנען אין דעם בית מדרש.

איינער וואס האלט זיך צוריק פון מצטרף זיין צו א קיפקע בפרט בשעת׳ן ליינען און די הפטרה, האט א גרויסע שכר. די הפטרה ליינען האבן חז״ל מתקן געווען אין די צייטן פון שמד, ווען די רעגירונג האט געאסרט ליינען די תורה. עס איז א תקנה וואס איז א חיוב עד היום. שטעלט אייך פאר ווי גרויס א הנאה עס איז פאר די נשמות פון יענע חז״ל אראפצוקוקען צו זען אז יעדער איינער זאגט מיט בשעת׳ן ליינען די הפטרה!

זיין שטיל אין שול איז נישט נאר א מצוה פאר די מענער. נאר, יעדע איינע וואס קומט אריין אין שול, איז מחיוב צו זיין שטיל בשעת׳ן דאווענען און ליינען. אויב מען קומט אן נאר אפאר מאל א יאר אין שול פאר א אויפרוף אדער א ברית וכדו׳, קען מען לכאורה צוריקהאלטן פון שמועסן, א זאך וואס שטערט דעם דאווענען און ליינען אזוי שטארק. עס איז אויך א מצוה צו בלייבן שטיל בשעת׳ן טיש.

מען דארף אויך דערמאנען דעם ענין פון האלטן דעם בית מדרש ריין. ווי גרויס א קידוש השם וואלט עס געווען טאמער די גוים וואס פיצן דעם בית מדרש וואלט אריינגעקומען נישט צו טרעפן קאווע קאפס מיט צוקער איבעראל אויפן טישן און אויפן פלאר. ווי שיין עס וואלט געווען נישט צו טרעפן אויסגעגאסענע קאווע קאפס אויפן טישן וואס מאכט קלעבעדיגט אלעס. אינדערהיים וואלט מען באקומען א פסק אויף דעם, פארוואס איז דער אייבערשטער׳ס הויז גרינגער?!? ווי שיין וואלט עס אויך געווען טאמער דער ערל וואלט נישט געדארפט צוריקלייגן הייליגע ספרים אין בית מדרש?!? ״מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים!״

לאמיר ענדיגען מיט די ווערטער פון די הייליגע גמרא ״בשעה שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין יהא שמיה הגדול מבור, הקדוש ברוך הוא מנענע ראשו ואומר: אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך, מה לו לאב שהגלה את בניו, ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם.״ ווען אידן קומען אריין אין שול און ענטפערן ׳יהא שמיה רבה׳, שאקעלט דער אייבערשטער כביכול זיין קאפ און זאגט ׳וואויל איז דער קעניג וואס מען לויבט אים אזוי אין זיין הויז... און וואס האט דער טאטע (הקב״ה) אז ער האט אריינגעשיקט זיינע קינדער אין גלות? און אוי צו די קינדער וועלכע זענען אוועקגעשיקט געווארן פון זייערע טאטען׳ס טיש.׳״ עס מיינט צו זאגן אז דורך ערליך ענטפערן ׳אמן׳ מיט ׳יהא שמיה רבא,׳ טון מיר מעורר זיין רחמניות אויף אידישע קינדער פון הימל. און דורך דעם וועט דער אייבערשטער אונז אויסלייזן פון גלות, און דעמאלט וועלן מיר קענען בויען דעם געהעריגן בית המקדש. **גוט שבת אלע אידן.**

**פון נעקסטער וואך און ווייטער וועט מען אי״ה טיילן די אויסגאבע אינעם הויפט פאליש, נאכן דאווענען, כדי נישט צו שטערן דעם דאווענען.**

לע״נ ר׳ דוב בער בן ר׳ חיים ע״ה כ״ו אדר תשי״ח

נתרם לרפו״ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה, לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה, לע״נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע״ה

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)